# ישראל גרייט זיך איצט צו וואַלן פאַר אשכנז'ישען הויפט־רב

**הרב דר. יוסף דוב סאָלאָווייטשיק פון באָסטאָן איז פון די חויפט קאַנדידאַטען פאַר'ן אַמט. — ווער זיינען די אַנדערע קאַנדידאַטען? — ווי אַזוי זיי ווערען געוועהלט. — דער איצטיגער ספרד'ישער הויפט־רב, הרב יצחק נסים, ווערט אויך דאַרפען ווידער ערוועהלט ווערען. — דער גרויסער אינטערעס וועגן דעם אין דער רעליגיעזער וועלט.**

פון הרב אהרן בן-ציון שורין

איצט, אַז דער גרויסער יאַריד פון די וואַלען צום כנסת און צו די שטאָט־ראַטען אין ישראל האָט זיך געענדיגט, קאָן שוין דער עולם מיט אַ קלאָרען קאָפּ צוטרעטען צו נייע וואַלען, וועלכע זיינען אויך גאָר וויכטיג, סאַי פאַר ישראל און סאַי פאַר די אידען פון דער וועלט. נעמליך, די וואַלען פאַר'ן נייעם הויפט־רב פון ישראל אויפ'ן אָרט פון דעם פאַרשטאָרבענעם הרב הראשי יצחק אייזיק הלוי הערצאָג, נ"ע.

דער ברייטער עולם ספּעקולירט איצט ווער ס'וועלען זיין די קאַנדידאַטען פאַר דעם הויכען רבנ'ישען אַמט און ווער פון די קאַנדידאַטען עס האָט די בעסטע אויסזיכטען.

אין אַלגעמיין האָט שוין אפילו דער ברייטער עולם אָפּגעמאַכט ווער ס'זיינען די הויפט־קאַנדידאַטען, אָבער דאָס מערקווערדיגסטע אין דעם איז, וואָס די קאַנדידאַטען אַליין „ווייסען" נאָך ניט אפילו דערפון. דאָס הייסט, וויסען ווייסען זיי יאָ, נאָר ניט אָפיציעל. ווייל נאָך אַלעמען לייענען זיי דאָך וואָס עס שרייבען די צייטונגען וועגען זיי...

אָבער וואָס הייסט, זיי ווייסען נאָך ניט אָפיציעל? — ווייל עס עקזיסטירט נאָך ניט דערווייל די אָפיציעלע קערפּערשאַפט צו האַנדלען אין דער זאַך.

די ערנסטע קאַנדידאַטען וואָס ווערען הויפטזעכליך דערמאָנט פאַר דעם אַמט פון נייעם הויפט־רב פון ישראל, זיינען דריי:

הרב דר. יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק, פון באָסטאָן; הרב איסר יהודה אונטערמאַן, רב הראשי פון תל אביב און הרב שלמה גורן, הויפט־רב פון דער ישראל אַרמיי.

אייגענטליך, דאַרפען פאָרקומען וואַלען אויף צו קלייבען צוויי הויפט־רבנים פאַר ישראל; איינעם, דעם אשכנז'ישען, אויפ'ן אָרט פון הרב הערצאָג, זצ"ל, און דעם צווייטען — אַ ספרד'ישען. דער ספרד'ישער הויפט־רב איז איצט הרב יצחק נסים, וועמענס פינף יאָריגער טערמין אין אַמט עס ענדיגט זיך קומענדיגן כ"א שבט, תש"ך.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס וועהלען אַ ספרד'ישען הויפט רב וועט זיין ניט מער ווי אַ פאָרמאַליטעט. ווייל ס'האָט נאָך ביז איצט ניט פּאַסירט, אַז מען זאָל ביים לעבען פון אַ הויפט־רב קלייבען אַ צווייטען. אַזוי האָט מען אויך פריהער אויסגעוועהלט דריי מאָל דעם פריהערדיגען אשכנז'ישען הויפט־רב, הרב הערצאָג.

דעריבער איז צו פאַרשטעהן, אַז דער גאַנצער קאַמף אַרום די וואַלען צום דער רבנות הראשית אין ישראל וועט געפירט ווערען נאָר וועגען „ווער ס'וועט זיין דער נייער אשכנז'ישער הויפט־רב".

ווי מען הערט צווישען דעם ברייטען עולם סאַי אין ישראל און סאַי אין אַמעריקע, איז דער שטאַרקסטער קאַנדידאַט פאַר דעם אַמט דער אַמעריקאַנער קאַנדידאַט — הרב דר. יוסף דוב הלוי סאָלאָווייטשיק. וואָס דער עולם צווייפעלט, איז, צי הרב סאָלאָווייטשיק וועט בכלל אַרויסשטעלען זיין קאַנדידאַטור פאַר וואַלען...

ס'איז די אַלגעמיינע מיינונג פון די חסידים פון באָסטאָנער רב, אַז אויב מען פאַרשטעהט אין ישראל, אַז הרב סאָלאָווייטשיק איז די פּאַסענדע פּערזענליכקייט פאַר'ן אַמט, דאַן דאַרף מען אים אַריינשיקען דעם כתב רבנות אין שטוב אַריין, אַזוי ווי ס'האָט זיך געפירט ביי אידען אַמאָליגע יאָרען ווען מען האָט געוואָלט האָבען אַ גרויסען רב אין אַ שטאָט.

עס פאַרשטעהט זיך אָבער, אַז אונטער די איצטיגע אומשטענדען איז אַביסעלע שווערליך אַזאַ זאַך. מדינת ישראל האָט אַ געזעץ ווי אַזוי מען דאַרף קלייבען אַ רב. און עס פאַרשטעהט זיך, אַז מען קאָן דעם געזעץ ניט פאַרבייגיין. מען מוז נאָכקומען די פּראָצעדורע... און אַט די פּראָצעדורע אין דעם פאַל וועט זיכער שאַפען אַ סך שוועריגקייטען אין אויסקלייבען דעם געוואונשענעם נייעם רב הראשי, סאַידען מען וועט געפינען אַן אויסוועג פאַר דעם. דער אויסוועג, רעדט מען, קאָן געמאָלט זיין, אַז מען וועט פאַרזיכערען אין פאָראויס...

אָבער דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם איצטיגען וואַל־קאַמפּעין פאַר'ן הויפט ראַבינאַט אין ישראל איז, וואָס כמעט די גאַנצע אידישע רעליגיעזע וועלט איז פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע.

ווען די רבנות הראשית איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1921, האָבען איר געשטיצט אַממערסטען די מזרחי קרייזען. די אגודת ישראל [illegible]

זיכער שאַפען אַ סך שוועריגקייטן אין אויסקלייבן דעם געוואונשענעם נייעם רב הראשי, סאַידען מען וועט געפינען אַן אויסוועג פאַר דעם. דער אויסוועג, רעדט מען, קאָן געמאָלט זיין, אַז מען וועט פאַרזיכערן אין פאַראויס...

אבער דאָס אינטערעסאַנטסטע אין דעם איצטיגען וואַל־קאַמפּעין פאַר׳ן הויפּט ראַבינאַט אין ישראל איז, וואָס כמעט די גאַנצע אידישע רעליגיעזע וועלט איז פאַראינטערעסירט אין דער פראַגע.

ווען די רבנות הראשית איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָר 1921, האָבען איר געשטיצט אַממערסטען די מזרחי קרייזען. די אגודת ישראל איז אינגאַנצען געווען געגען אַזאַ אינסטיטוציע. ביי דער אגודה איז דער הויפּט־ראַבינאַט פון ישראל דעמאָלט באַטראַכט געוואָרען ווי אַ ציוניסטישע אינסטיטוציע. און אַזוי ווי די אגודה איז געווען געגען ציוניזם איז זי ממילא אויך געווען געגען דער רבנית הראשית. אויך די גרעסערע טייל ישיבות און ראשי ישיבה, ווי אויך אַ סך רבנים זיינען דאַן געווען געגען דער שאַפונג פון אַזאַ הויפּט־ראַבינאַט. און ממילא איז די אגודה אַ סך יאָרען ניט נאָר געשטאַנען פּאַסיוו לגבי דער רבנות הראשית און אירע רבנים, נאָר זי האָט גאַנץ פיין געקעמפט אפילו געגען די רבנים אַליין, וואָס האָבען פאַרנומען דעם אַמט אין הויפּט־ראַבינאַט.

היינט, אָבער, האָבען זיך די צייטען געביטען. און געשעהן איז עס אין די לעצטע יאָרען פון הרב הערצאָג׳ס פירערשאַפט אין ראַבינאַט. היינט זיינען שוין אפילו די אגודה קרייזען, כאָטש אומדירעקט, אויך פאַראינטערעסירט אין דער אויסקלייבונג פון דעם נייעם רב הראשי. ווייל היינט זיינען שוין פאַראַן אַ סך רבנים פון דער אגודה, וואָס האַלטען שטעלעס אַלס רבנים אין די ראַמען פון דער רבנות הראשית פון ישראל.

אמת, די אגודת ישראל אָפיציעל אַלס פּאַרטיי וועט זיך ניט באַטייליגען אין די וואַלען, אָבער קיין קאַמף געגען — וועלען זיי אויך ניט פירען.

די איינציגע געגנער וואָס זיינען פאַרבליבען איינגעשפּאַרט געגען דער רבנות הראשית זיינען די נטורי קרתא קרייזען.

עס קאָן אָבער געמאָלט זיין, אַז אויב דער נייער רב הראשי, וואָס וועט געוועהלט ווערען וועט ניט צופרידענשטעלען די מאַסען בני תורה אין ישראל, ווי רבנים, ישיבות און ראשי ישיבה, דאַן קאָן געשאַפען ווערען דער באַדען פאַר נאָך אַן ענליכע אינסטיטוציע, אַ קאָנקורירענדע צום הויפּט־ראַבינאַט פון ישראל. און דאַן קאָן איבערגע׳חזר׳ט ווערען די אַלטע מחלוקת געגען דער רבנות

(שלוס אויף זייט 6)

# ישראל גרייט זיך איצט צו וואַלען פאַר אשכנז׳ישען הויפּט רב

(שלוס פון זייט 2)

הראשית. ווייל אין פּרינציפּ האָבען נאָך די רעכטע רעליגיעזע קרייזען ניט מסכים געווען מיט דער רבנות־הראשית. מער ניט, מ׳איז געווען גענויגט צו שעצען און אַכטען די פיינע פּערזענליכקייט פון הרב הערצאָג, וואָס האָט געהאַלטען דעם אַמט פאַר די לעצטע 20 יאָר. דאָס הייסט, מען האָט רעספּעקטירט דעם הויפּט־רב, טראָץ דער שטילער געגנערשאַפט צו דער אינסטיטוציע.

און דעריבער איז זעהר וויכטיג פאַר׳ן שלום אין דער רעליגיעזער וועלט, אַז אַ פּאַסענדע רבנ׳ישע פּערזענליכקייט זאָל איצט אויסגעקליבען ווערען צו פאַרנעמען הרב הערצאָג׳ס אָרט. בלויז די פּערזענליכקייט פון דעם נייעם הויפּט־רב וועט באַוויזען צו פאַראייניגען אַלע אידען אַרום ראַבינאַט כאָטש אויף אַזוי פיל, אַז ס׳זאָל ניט ווערען קיין נייער ריס אין דער אָרטאָקסישער וועלט.

אַ באַוויז, אַז אַלץ אַרום דער רבנות הראשית איז ניט אַזוי גלאַט, ווי עס קוקט אויס, איז דער פאַקט, וואָס די רעכטע אָרטאָדאָקסישע וועלט איז שטאַרק געגען דעם „היכל שלמה”, וואָס איז אַ טייל פון דער רבנות הראשית. דער „היכל שלמה” איז די אינסטיטוציע, וואָס דאַרף פאַרוואַנדלען די רבנות הראשית אין אַ גייסטיגען צענטער פאַר׳ן וועלט אידענטום, און אַ וויכטיגער טייל רבנים, בעיקר, פון אויסלאַנד, זיינען שטאַרק געגען דעם.

עס ליגט איצט פּאַקטיש אין די הענט פון דער קאָמיטע, וואָס דאַרף קלייבען דעם נייעם הויפּט־רב צו האָבען גענוג שטאַטסמענישע רייפקייט פאַר דער צייט און פאַר דער לאַגע, גוט צו פאַרשטעהן וועמען צו קלייבען פאַר דעם דאָזיגען אַמט.

די קאָמיטע, ווי באַקאַנט, וועט באַשטעהן פון 70 דעלעגאַטען, פאַרשטעהער פון גאַנצען ישוב און וואָס וועט אַריינגעמען אַ העלפט אשכנזים און העלפט ספרדים. די קאָמיטע ווערט אויסגעקליבען דורך דריי קערפּערשאַפטען: 1) דורך דער „מועצת הרבנות הראשית”; 2) דורך דעם רעליגיע מיניסטעריום און 3) דורך די שטאָט־ראַטען פון לאַנד.

און אָט די 70 פאַרשטעהער, זיי וועלען עס דאַרפען קודם כל באַשטימען ווער ס׳זאָלען זיין די קאַנדידאַטען און ערשט שפּעטער אויך מיט אַ מאַיאָריטעט שטימען באַשליסען ווער פון די קאַנדידאַטען זאָל ערוועהלט ווערען טאַקע אַלס דער אשכנז׳ישער הויפּט־רב פון ישראל.

צווישען די 70 וועהלער וועלען זיין 42 רבנים און 28 בעלי־בתים, פאַרשטעהער פון די רעליגיעזע קהילות פון לאַנד, וועלכע זיינען אַן אינטעגראַלער טייל פון די שטאָט־ראַטען.

ס׳איז צו פאַרשטעהן, אַז די ישראל רעגירונג אַליין איז אויך גאָר שטאַרק פאַראינטערעסירט אין די איצטיגע וואַלען פאַר׳ן אשכנז׳ישען הויפּט־רב. עס קורסירען אַרום פאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס קומען פון קרייזען נאָהענט צו דער ישראל רעגירונג, וואָס מערקען אַז אין וועלכע קאַנדידאַטען די רעגירונגס פּירער האָבען אויך אַן אינטערעס. ס׳איז נאָך איצט צו פרי צו רעדען אָפען וועגען דעם. אָבער „יודעי חן” ווייסען אויף וועמען די העכערע רעגירונגס פּערזענליכקייטען האָבען אַן אויג. ס׳איז אויך אַ פאַקט, אַז העכערע רעגירונגס פירער זיינען אונטערגעשריבען אויף דעם „כתבי־רבנות”, וואָס מען גיט צום הויפּט־רב נאָך זיין ערוועהלונג. זיי זיינען: דער פּרעזידענט פון ישראל, דער פּרעמיער און דער רעליגיע מיניסטער.

דער אמת׳ער וואַל־קאַמפּעין פאַר׳ן נייעם הויפּט רב האָט זיך נאָך דערווייל ניט אָנגעהויבען. מען קאָן אָבער פאַרשטעהן, אַז דער קאַמפּעין וועט זיין אַ לעבהאַפטער, שוין פון דעם אַליין, וואָס די גאַנצע אידישע וועלט איז פאַראינטערעסירט אין דעם ענין.